49. *Milui* refers to a system used in Torah numerology whereby every letter is spelled out, and the numerical values of these spellings are also included in the calculation. To illustrate: *Havayah* is spelled י-ה-ו-ה. The first letter, *yud,* is spelled *yud-vav-dalet*. Thus, the numerical value of the *milui* of *yud* is 20.

**50.** The number 52 is the equivalent of the *milui* of G-d's name *Havayah* that involves the service of the body and an ascent from below. The *milui* of *Havayah* equivalent to 52 is arrived at by spelling the name *yud vav dalet – hei hei – vav vav – hei hei.*

**51. *Zohar,* Vol. III, p. 217a.**

Sages teach: "Their **souls were consumed by fire while** their **bodies were not affected.**"[52] **Their sin was corrected through the *mesirus nefesh* of Pinchas that stemmed from the body.**[53]

- "שְׂרֵיפַת נְשָׁמָה וְגוּף קַיָּם"[לט], און דורך דֶער מְסִירַת נֶפֶשׁ פון פִּינְחָס, וואָס אִיז גֶעווען מִצַד הַגוּף, אִיז נִתְתַּקֵן גֶעווָארְן זֵייעֶר חֵטְא[מ]].

## Bringing About Lasting Results

**8. The distinction between the results of these paths** can be explained as follows:

**When Divine service comes as a result of revelation of light from Above, at the time** of revelation, **the lower plane is illuminated and permeated by light. Nevertheless, since the lower plane itself is not refined, when the revelation ceases, the lower plane may remain on the level it was previously.**

**Therefore, we find that even though the Giving of the Torah caused the** spiritual **impurity that was attached to the Jewish people** because of the sin of the Tree of Knowledge **to depart from them,**[54] the change it brought about was not internalized entirely. Thus, **afterwards, it was possible for** them to commit **the sin of the** Golden **Calf, which caused their impurity to return.**[55]

**When, by contrast, Divine service involves ascent from below, the lower plane itself becomes refined and elevated and remains in that state in a lasting manner. Therefore, the atonement for sin that Pinchas brought about was not merely a one-time achievement, but rather is ongoing and continuous.**[56] **As *Sifri* comments on the verse,**

ח. דִי נַפְקָא מִינָהּ אִין דֶער תּוֹצָאָה פון דִי בֵּיידֶע אוֹפַנֵי הָעֲבוֹדָה:

בְּשַׁעַת דִי עֲבוֹדָה אִיז בְּדֶרֶךְ מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, מִצַד גִילוּי אוֹר, ווֶערְט טַאקֶע דֶער "מַטָּה" בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה בַּאלוֹיכְטְן און דורְכְגֶענומֶען פון דֶעם גִילוּי אוֹר, ווִיבַּאלְד אָבֶּער דֶער "מַטָּה" גוּפָא אִיז נִיט נִזְדַכֵּךְ גֶעווָארְן, אִיז רֶעכְט, אַז נָאךְ דֶעם ווִי דֶער גִילוּי ווֶערְט נִפְסַק - בְּלַייבְּט דֶער "מַטָּה" אִין זַיין פְרִיעֶרְדִיקְן מַצָב וּמַעֲמָד.

און דֶערְפַאר גֶעפִינְט מֶען, אַז כָאטשׁ מַתַּן תּוֹרָה הָאט אוֹיפְגֶעטָאן בַּיי אִידְן דֶעם עִנְיָן פון "פָּסְקָה זוּהֲמָתָן"[מא], פונְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז אוֹיךְ נָאכְדֶעם גֶעווֶען אַן אָרְט פַארְן חֵטְא הָעֵגֶל, ווָאס דורְכְדֶעם אִיז "חָזְרָה זוּהֲמָתָן"[מב].

בְּשַׁעַת אָבֶּער דִי עֲבוֹדָה אִיז בְּדֶרֶךְ מִלְמַטָּה לְמַעְלָה, דֶער "מַטָּה" גוּפָא ווֶערְט נִזְדַכֵּךְ וְנִתְעַלֶה, אִיז עֶס אַן עִנְיָן שֶׁל קַיָּמָא. און דֶערְפַאר אִיז דִי כַּפָּרָה ווָאס פִּינְחָס הָאט אוֹיפְגֶעטָאן נִיט גֶעווען קֵיין אֵיינְמָאלִיקֶע זַאךְ, נָאר סְ'אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ כַּפָּרָה תְּמִידִית וְ"נִמְשָׁךְ"[מג]; ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין סִפְרִי אוֹיפְן פָּסוּק

---

**52. *Sanhedrin* 52a; note the sources cited there.**

As mentioned many times, Divine punishment is meted out measure for measure. Nadav and Avihu's souls were consumed with a longing for G-dliness. However, they did not elevate their bodies. Therefore, their souls were consumed by Divine fire but their bodies remained intact.

**53. With regard to all the above, see** the *maamar* entitled *Vayidaber... Pinchas,* 5675, **cited previously in footnote 41; *Or HaTorah, Vayikra,* Vol. 2, p. 549ff.; the *maamarim* entitled *Vayidaber... Pinchas,* 5629 and 5673 (the series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 1,** p. 310ff.).

**54. *Shabbos* 146a; *Zohar,* Vol. I, p. 52b, Vol. II, p. 193b.**

This follows the motif described previously: A revelation from Above is powerful, but does not necessarily have a lasting effect.

**55. *Zohar, loc. cit.* See *Tanya,* the end of ch. 36, and the series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 2, p. 930ff.**

**56. The wording is taken from *Tzafnas Panei'ach al HaTorah,* the beginning of *Parshas Pinchas;*** **See also *Tzafnas Panei'ach, Sanhedrin* 82b.**

**"He atoned for the Children of Israel" – "[Pinchas' achievement] has not been dislodged until the present time. It stands and will [continue to] atone until the resurrection of the dead."**[57]

"וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - "שֶׁעַד עַכְשָׁיו לֹא זָז אֶלָּא עוֹמֵד וּמְכַפֵּר עַד שֶׁיִּחְיוּ הַמֵּתִים"[מד].

**This is the explanation why the reward of "My covenant of peace… for him and for his descendants afterwards" was given specifically to Pinchas. It was he who "turned My anger away" in an unceasing manner. Accordingly, the reward given him was "measure for measure." The "covenant of peace"** he was granted **will continue "for him and for his descendants afterwards," in a manner that will not cease.**[58]

און דָאס אִיז דִי הַסְבָּרָה פַּארְוואָס דֶער שְׂכַר פוּן "בְּרִיתִי שָׁלוֹם . . לוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו" אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוואָרְן דַוְקָא צוּ פִּינְחָס - וואָרוּם וִויבַּאלְד אַז דָאס וואָס פִּינְחָס "הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי גו'" אִיז גֶעוֶועְן אִין אַן אוֹפֶן וואָס הָאט נִיט קֵיין הֶפְסֵק, אִיז אוֹיךְ דֶער שְׂכַר מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז דֶער "בְּרִיתִי שָׁלוֹם" ווֶערְט נִמְשָׁךְ "לוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו" אָן אַ הֶפְסֵק[מה].

## Changing the Opposition

**9. Based on the above, it is also possible to understand the connection between Pinchas and Yirmeyahu. As explained above (sec. 4), the difference between Yirmeyahu and Yeshayahu is that "Yirmeyahu lived in a time of [Divine] rejection and concealment. Yeshayahu lived in a time of [Divine] revelation."**[26] **This is the underlying cause that dictates whether the required Divine service will follow the motif of** revelation **from Above downward or the motif of ascent from below.**

ט. עַל פִּי כָּל הַנַּ"ל ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיָּיכוּת צְווִישְׁן פִּינְחָס אוּן יִרְמְיָ': ווִי גֶערֶעדט פְרִיעֶר (סְעִיף ד') אִין דֶעם אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן יְשַׁעְיָ' אוּן יִרְמְיָ', אַז "יִרְמְיָ' אִיז גֶעווֶען אִין אַ זְמַן שֶׁל דְחִיָּה וְהֶסְתֵּר אוּן יְשַׁעְיָ' אִיז גֶעווֶען אִין אַ זְמַן פוּן גִילּוּיִם" - אוּן דָאס אִיז סִיבַּת הַחִילוּק צְווִישְׁן דֶער עֲבוֹדָה בְּדֶרֶךְ מִלְמַעְלָה לְמַטָּה אוּן בְּדֶרֶךְ מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה:

**Divine service that follows the motif of** revelation **from Above involves the revelation of light and** primarily **affects the soul. As a whole, it relates to Divine service in the era of the *Beis HaMikdash* when Divine light shines overtly,** as manifested by Yeshayahu's words of **consolation.** By contrast, **Divine service following the motif of ascent from below** involves working with **the lower plane itself,**

דִי עֲבוֹדָה בְּדֶרֶךְ מִלְמַעְלָה לְמַטָּה אִיז מִצַּד גִילּוּי אוֹר ("גִילּוּיִם"), מִצַּד הַנְּשָׁמָה, וואָס בִּכְלָלוּת אִיז דָאס דִי עֲבוֹדָה בִּזְמַן הַבַּיִת ("נֶחָמְתָא"), ווֶען דֶער אוֹר אֱלֹקִי אִיז מֵאִיר בְּגִילּוּי; דִי עֲבוֹדָה בְּדֶרֶךְ מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה אִיז מִיטְן "מַטָּה" גוּפָא,

57. ***Sanhedrin, loc. cit.,*** states, **"This atonement is fitting to continue to bring about expiation for all time."**

**Consult *Tosafos, Sotah* 14a, s.v. *mipnei.* (Some analysis is necessary why *Tzafnas Panei'ach, loc. cit.,* did not cite this teaching.) Note, however, that that source speaks about Moshe's grave** being the source for ongoing atonement. **Note the explanation given in *Likkutei Sichos,* Vol. 18, p. 292, that Pinchas' *mesirus nefesh* came through the power granted him by Moshe, who told** him, **"Let the one who reads the letter be the agent [who fulfills it]."**

58. **See the *maamar* entitled *Vayidaber… Pinchas,* 5675, which** explains that **"My covenant of peace" is identified with** the Divine promise (*Yeshayahu* 54:10), **"My covenant of peace will not falter."**

**in the place where there is** Divine **rejection and concealment.**

More **specifically,** within **a person's** individual **Divine service, it involves refining his body, his animal soul, and his portion in the world. In the scheme of time,** such service is appropriate for **the era of exile and of destruction** that Yirmeyahu personally witnessed. It involves **not being daunted by the difficulties and challenges that result from the darkness of exile and,** ultimately, **transforming the darkness itself to light, so that "the night will shine as day."**[59]

**This relates to the fact that** both **Pinchas and Yirmeyahu descended from converts** and, **as a result,** there **were Jews who belittled them (as stated in sec. 1, above). This accentuates the factor common to the Divine service of both of them,** the theme of **ascent from below.** The emphasis on this theme applies both **regarding their own selves**[60] – they were involved with **refining and elevating lower dimensions** within their own being, **their origins outside the Jewish people – and also their relations with their surroundings and the world at large.**[59] **Despite the fact that there were Jews who belittled them, they were able to motivate** the people as a whole **to *teshuvah*.**

**According to** the motif of **drawing down light from Above, the light is able to affect only** the dimensions of **the lower plane that are not opposed to light. However, when the lower plane is so debased that it opposes light, the only way the light is able to reach it is when that opposition is broken.**

By contrast, **through** the motif of **upward ascent – refining and elevating the lower plane itself – it**

אִין דֶעם "אָרְט" פוּן "דְחִיָּה וְהֶסְתֵּר" - וָואס בַּיְים אָדָם בִּפְרָטִיּוּת אִיז דָאס דִי עֲבוֹדָה צוּ מְבָרֵר זַיְין אוּן אוֹיסְאֵיידְלֶען דֶעם גוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית וְחֶלְקוֹ בָּעוֹלָם, אוּן אִין כְּלָלוּת הַזְּמַן אִיז עֶס דִי עֲבוֹדָה אִין זְמַן הַגָּלוּת ("חוּרְבָּנָא"), נִיט צוּ נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דִי שְׁוֶועריקַיְיטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת מִצַּד חֹשֶׁךְ הַגָּלוּת, בִּיז צוּ מְהַפֵּךְ זַיְין דֶעם חֹשֶׁךְ גוּפָא לְאוֹר - "וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר"[מו].

אוּן דָאס אִיז וָואס פִּינְחָס אוּן יִרְמְיָ' הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעשְׁטַאמְט "מִמִּשְׁפַּחַת נָכְרִי'" אוּן אִידְן הָאבְּן זֵיי דֶערְפַאר "מְזַלְזֵל" גֶעוֶוען כו' (כַּנַּ"ל סְעִיף א'): אִין דֶעם דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס דִי נְקוּדָּה מְשׁוּתֶּפֶת פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדָה בְּדֶרֶךְ מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה, סַיי בַּנּוֹגֵעַ זִיךְ[מז] - מְבָרֵר אוּן מַעֲלֶה זַיְין דֶעם אֵייגֶענֶעם "מַטָּה" ("מִשְׁפַּחַת נָכְרִי'"), סַיי בַּנּוֹגֵעַ דֶעם "אַרוּם זִיךְ" אִין עוֹלָם[מז], אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם "זִלְזוּל" מִצַּד דִי אִידְן, הָאבְּן זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דִי אִידְן גוּפָא צוּ תְּשׁוּבָה:

בַּיי הַמְשָׁכָה מִלְּמַעְלָה לְמַטָּה, דֶערְגְרֵייכְט דֶער אוֹר אוּן אִיז פּוֹעֵל נָאר אִין אַזַא "מַטָּה" וָואס אִיז נִיט הֵיפֶּךְ פוּן דֶעם אוֹר, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מַטָּה אִיז אַזוֹי נִידֶערִיק אַז עֶר אִיז מְנַגֵּד צוּם אוֹר, קֶען דָארְט דֶער אוֹר נִיט דֶערְלַאנְגֶען (סַיְידְן - "צוּבְּרֶעכְן" עֶם).

דוּרְךְ הַעֲלָאָה מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה, וואוּ מְ'אִיז מְזַכֵּךְ אוּן מַעֲלֶה דֶעם מַטָּה גוּפָא, אִיז מֶען מְבָרֵר אוֹיךְ אָט

59. Cf. *Tehillim* 139:12. See *Sefer HaArachim-Chabad,* Vol. 2, *erech or beyachas lechoshech* (pp. 596-597) and the sources cited there. See also the series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 3, pp. 1306 and 1345.

60. Note *Rashi's* commentary at the beginning of the book of *Yirmeyahu* (based on *Pesikta d'Rabbi Kahana, loc. cit.; Yalkut Shimoni, Yirmeyahu,* sec. 256), **"Let a descendent of those who were debased** (Yirmeyahu's ancestors) **who corrected his conduct… rebuke [the descendants of the wholesome ones (the Jewish people)] who debased their conduct."**

**is possible to refine** even those on **the lower plane who belittle holiness. Even such darkness can be refined until it is transformed into light.**

דעם מַטָּה וואָס איז ״מְזַלְזֵל״ אין קְדוּשָּׁה, מ׳איז מְבָרֵר אויך אָט דעם חֹשֶׁךְ בִּיז עֶר ווערט נִתְהַפֵּךְ לְאוֹר.

## The Key to Transformation

**10.** The above contains **a lesson** that can be **applied in** our **actual Divine service: There are people who put an emphasis on matters involving their souls: Torah study, prayer, and the like. They do not dedicate themselves to Divine service involving the lower plane,** i.e., seeing to it **that matters involving the body be permeated with holiness.**

To speak **in a more inclusive manner: A person may have** perfected **everything** demanded of him, achieving success **not only in matters involving the soul, but also in those involving the body and even his portion of the world** at large. **Nevertheless, he is confined in his own** personal world; **he does not involve himself with other people or with** matters **outside** the realm of holiness.

**Such at person must realize that his approach to Divine service does not always have a lasting effect. When he is involved with matters of the soul, he indeed operates on a higher** spiritual **plane. However, afterwards, when he** must **become involved in matters of the world** – and particularly in matters **outside** the realm of holiness – it is possible that **not only will he not be able to elevate them, indeed, they may lower him and cause him to become materially oriented.**

**Similarly, regarding lowly matters and issues outside** the realm of holiness **– as long as he is restricted to his** own small world, **he is fine. Nevertheless, if a situation arises that requires him to involve himself with worldly** matters **or issues outside** the realm of holiness, **those** matters and **issues can bring him down from his level.**

**For this reason, it is demanded of a Jew that – together with his** own **inner Divine service** and

יוד. די הוֹרָאָה פוּן דעם אין עֲבוֹדָה בְּפוֹעֵל:

עס זַיינֶען פאַראַן אַזעלכֶע וואָס קאָכְן זיך אין עִנְיְנֵי הַנְּשָׁמָה - תּוֹרָה וּתְפִלָּה כו׳; זיי גִיבְּן זיך אָבֶער נִיט אָפּ צוּ דער עֲבוֹדָה מִיטְן ״מַטָּה״, אַז די עִנְיָנֵי הַגּוּף זָאלְן דוּרְכְגֶענוּמֶען ווערְן מִיט קְדוּשָּׁה.

און אַזוֹי אויך אין אַ מֶער כְּלָלוּת׳דִיקְן אוֹפֶן: בַּא זיך אַליין בַּאווָארְנְט מֶען טַאקֶע אַלֶע עִנְיָנִים, נִיט נָאר די עִנְיָנֵי הַנְּשָׁמָה, נָאר אויך די עִנְיָנֵי הַגּוּף און אֲפִילוּ חֶלְקוֹ בָּעוֹלָם - אָבֶער עֶר בְּלַייבְּט אין זַיינֶע אֵייגֶענֶע ד׳ אַמּוֹת; מִיטְן זוּלַת און ״חוּץ״ פַארְנֶעמְט עֶר זיך נִיט.

דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז אַזַא סֵדֶר הָעֲבוֹדָה איז נִיט אַלֶעמָאל אַ בַּר קַיָּמָא. בְּשַׁעַת עֶר איז פַארְנוּמֶען מִיט עִנְיָנֵי הַנְּשָׁמָה שְׁטֵייט עֶר טַאקֶע אִין אַ הֶעכֶערְקַייט, אָבֶער ווֶען עֶר הָאט דֶערְנָאךְ צוּ טָאן מִיט עִנְיָנֵי הָעוֹלָם, אִיז נִיט נָאר וואָס עֶר איז זֵיי נִיט מַעֲלֶה, נָאר פַארְקֶערְט, זֵיי זַיינֶען אִים, רַחֲמָנָא לִצְלַן, מוֹרִיד און מְגַשֵּׁם.

און אַזוֹי אויך בַּנוֹגֵעַ צוּם כְּלָלוּת׳דִיקְן ״מַטָּה״ און ״חוּץ״: בְּשַׁעַת עֶר איז אין זַיינֶע ד׳ אַמּוֹת איז עֶר בִּשְׁלֵימוּת, אוֹיבּ עס מַאכְט זיך אָבֶער אַ מַצָּב אַז עֶר מוּז הָאבְּן צוּ טָאן מִיט דער ווֶעלְט, מִיט׳ן ״חוּץ״, קֶען אִים דער ״חוּץ״ חַס וְשָׁלוֹם מוֹרִיד זַיין פוּן זַיין מַדְרֵיגָה.

דֶערִיבֶּער פָאדֶערְט זיך פוּנֶעם אִידְן, אַז צוּזַאמֶען מִיט דער עֲבוֹדָה

involvement with **matters of the soul – he must also** extend himself and **involve himself outside** the realm of holiness, **even in such lowly areas below which there is nothing.** He must transform **even these matters into a conduit for the wellsprings of the Torah and its *mitzvos*.**

פְּנִימִית אִין עִנְיָנֵי הַנְשָׁמָה, דַארְף עֶר זִיךְ פַארְנֶעמֶען אוֹיךְ מִיטְן "חוּץ", בִּיז דֶעם חוּץ שֶׁאֵין לְמַטָּה מִמֶּנּוּ, אַז אוֹיךְ עֶר זָאל זַיְין אַ כְּלִי צוּ דִי מַעְיָנוֹת פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

**This is the connection between the above concepts and** the "Three Weeks" referred to as ***bein hameitzarim*** **(literally, "between the straits").**[61] **G-d sent the Jews into exile with the intent that they refine the aspects of the exile and transform them, turning darkness into light.**

און דָאס אִיז אוֹיךְ דִי שַׁיְיכוּת פוּן עִנְיָן הַנַ"ל צוּ "בֵּין הַמְּצָרִים": דָאס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִי אִידְן גֶעשִׁיקְט אִין גָלוּת אִיז גֶעוֶוען מִיט דֶער כַּוָּנָה אַז אִידְן זָאלְן מְבָרֵר זַיְין דִי עִנְיָנֵי הַגָּלוּת, בִּיז צוּ אִיבֶּערְמַאכְן זֵיי אִין אַן אוֹפֶן פוּן אִתְהַפְּכָא חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא.

## For Darkness to Become Light

**11.** In view of all the above, **a Jew can protest: "How can I endure** and prevail over **the darkness of an era characterized by** Divine **rejection and the concealment** of G-dlliness?" **Indeed,** this is true especially **when it is demanded of him not only that he not be affected by the darkness and concealment, but that he transform the time of *bein hameitzarim*** **into a time of happiness and gladness.**[62]

יא. קֶען דָאךְ אָבֶּער אַ אִיד טַעֲנֶה'ן: ווִי אַזוֹי וֶועט עֶר פָּארְט קֶענֶען דוּרְכְגֵיין אַזַא פִינְסְטֶערְן זְמַן פוּן "דְחִיָּה וְהֶסְתֵּר"? וּבִפְרַט נָאךְ, וֶוען פוּן אִים ווֶערְט גֶעמָאנְט, אַז נִיט נָאר זָאל עֶר נִיט נִתְפָּעֵל ווֶערְן פוּן דֶעם חוֹשֶׁךְ וְהֶעְלֵם, נָאר אַדְרַבָּה, עֶר זָאל מְהַפֵּךְ זַיְין דִי "בֵּין הַמְּצָרִים" אִין אַ זְמַן פוּן שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה[מח]!

**This question is answered by the *Haftarah* of the first *Shabbos* of *bein hameitzarim,* which mentions Yirmeyahu's lineage[63] and the beginning of his prophecy before foretelling the Divine punishment** to be visited upon the people. The *Haftarah* begins by relating that Yirmeyahu was **"the son of Chilkiyahu, one of the *kohanim.*" Afterwards, it relates that he was afraid to serve as "a prophet unto the nations" and G-d reassured him,**

אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט דִי הַפְטוֹרָה (פוּן עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים") און אִיז מַקְדִים פַאר דֶעם סִיפּוּר דְפוּרְעָנוּתָא דֶעם יִחוּס וְהַתְחָלָה פוּן יִרְמְיָ'[מט] וּנְבוּאָתוֹ: בֶּן חִלְקִיָּהוּ מִן הַכֹּהֲנִים גו'; און דֶערְנָאךְ דֶעם סִיפּוּר ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁרָאקְן צוּ זַיְין אַ "נָבִיא לַגּוֹיִם", און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערוֹיף גֶעזָאגְט

61. *Bein hameitzarim,* literally, "between the straits" (cf. *Eichah* 1:3), refers to the three weeks between the fasts of the Seventeenth of Tammuz and the Ninth of Av (Tishah BeAv). *Parshas Pinchas* is read directly before or at the beginning of this period. The *Haftarah* describing *Yirmeyahu's* appointment as a prophet is read on the first *Shabbos* of this period.

62. The Rebbe is referring to the Divine **promise in *Yirmeyahu* 31:12, "I will transform their mourning to rejoicing." See *Yalkut Shimoni, Yirmeyahu,* sec. 259,** which states that the exile was intended to bring about the redemption, when the above-mentioned Divine promise will be fulfilled. **See** further sources **cited in *Likkutei Sichos,* Vol. 9, p. 253.**

**63. Similar concepts apply regarding the lineage of Pinchas, as mentioned at the beginning of the *sichah.***

**"Do not fear them because I am with you."** With those words, **G-d** promised **He would accompany him and would imbue him with all the powers he would need to have an effect upon – and transform – the nations and the kingdoms.**

**Similar concepts apply to every person individually. Despite the great concealment that characterizes the era of exile, everyone is granted from Above all the potential powers necessary to transform the darkness into light.**

"אַל תִּירָא מִפְּנֵיהֶם כִּי אִתְּךָ אֲנִי גו'" - אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אוּן גִיט אִים אַלֶע נוֹיטִיקֶע כֹּחוֹת צוּ אִיבֶּערְמַאכְן אוּן פּוֹעֵל זַיְין אוֹיף דִי "גוֹיִם" אוּן "מַמְלָכוֹת";

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶערְן בִּפְרַט, אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם גוֹדֶל הַהֶסְתֵּר פוּן זְמַן הַגָּלוּת, גִיט מֶען אִים מִלְמַעְלָה אַלֶע נוֹיטִיקֶע כֹּחוֹת אוֹיף אִיבֶּערְמַאכְן דֶעם הֶסְתֵּר לְאוֹר.

## Our Mission in Exile

**12.** The above concepts are also reflected in every person's individual life. **As is well known, the descent of the soul to this physical plane is "actual exile."**[64] **Thus, all the above concepts apply to everyone individually,** for every **person is a world in microcosm.**[65]

**As a soul descends into** the parallel to **"the Three [*Shabbasos*] of Retribution,"** i.e., **the three worlds of *Beriah, Yetzirah,* and *Asiyah*,** and, ultimately, to this physical world, **the soul begins to become frightened** for a tinge of **evil exists** even **in the world of *Beriah*,** and it prevails to a greater degree in the worlds below it.[66] The soul wonders **how it will be able to carry out its mission** and perform **its Divine service in the exile** of this **world!**

**Immediately upon the beginning of its descent,** as **in the first *Haftarah* of "the Three [*Shabbasos*] of Retribution," the soul is told, "When I had to yet form you in the womb, I knew you. Before you emerged from the womb, I designated you [and] made you a prophet unto the nations."** The soul is thus instructed **that it has nothing to fear because of its mission to be "a prophet unto the nations"** – to carry out its **service of refining "the foreign nation in your midst,"**[67] i.e., **the body,**

יב. עֶס אִיז יָדוּעַ אַז יְרִידַת הַנְּשָׁמָה לְמַטָּה אִיז "בְּחִינַת גָּלוּת מַמָּשׁ"[נ]. אִיז כְּכָל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה פַּארַאן בַּיי יֶעדֶערְן בִּפְרַט, אִין דֶעם "עוֹלָם קָטָן" זֶה הָאָדָם[נא]:

בְּשַׁעַת אַ נְשָׁמָה אִיז יוֹרֵד אִין "תְּלָתָא דְפוּרְעָנוּתָא" - אִין דִי ג' עוֹלָמוֹת בְּרִיאָה־יְצִירָה־עֲשִׂיָּה, וָואס אִין עוֹלַם הַבְּרִיאָה אִיז שׁוֹין פַּארַאן אַ מְצִיאוּת פוּן רַע[נב] - הוֹיבְּט זִיךְ דִי נְשָׁמָה אָן צוּ שְׁרֶעקְן, ווִי אַזוֹי זִי ווֶעט קֶענֶען דוּרְכְפִירְן אִיר תַּפְקִיד, אִיר עֲבוֹדָה אִינֶעם גָלוּת פוּן עוֹלָם.

זָאגְט מֶען דִי נְשָׁמָה גְלַיְיךְ בַּיי דֶער הַתְחָלָה פוּן אִיר יְרִידָה - אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער הַפְטוֹרָה פוּן דִי "תְּלָתָא דְפוּרְעָנוּתָא" - "בְּטֶרֶם אֶצָּרְךָ בַבֶּטֶן יְדַעְתִּיךָ וּבְטֶרֶם תֵּצֵא מֵרֶחֶם הִקְדַּשְׁתִּיךָ נָבִיא לַגּוֹיִם נְתַתִּיךָ": דוּ הָאסְט נִיט וָואס צוּ שְׁרֶעקְן זִיךְ פַאר דַיְין שְׁלִיחוּת צוּ זַיְין אַ "נָבִיא לַגּוֹיִם" - דִי עֲבוֹדָה צוּ מְבָרֵר זַיְין דֶעם "גוֹי אֲשֶׁר בְּקִרְבְּךָ", דֶעם גוּף

---

**64.** ***Tanya,*****ch. 37 (p. 48a)**

**65.** ***Midrash Tanchuma, Parshas Pekudei,*** **sec. 3;** ***Tikkunei Zohar, tikkun*** **69 (p. 100b);** ***et al.***

**66.** The Rebbe mentions the world of *Beriah* and those worlds below it, **because** there is no evil **in** ***Atzilus,*** to which is applied the verse (*Tehillim* 5:5), **"Evil does not abide with You"** (***Likkutei Torah, Bemidbar*** **3c).**

67. Cf. *Devarim* 28:43.

**the animal soul, and its portion in the world at large because:**

a) **"When I had to yet form you in the womb, I knew you."** Every Jew **has a holy soul, an actual part of G-d,**[68] **rooted** in G-d's Essence, far **loftier than the source** of the realm into which the soul **descends** when it enclothes itself in the body.[69] This sequence is implied by the phrase, **"When I had yet to form you**[70]**… I knew you."** The concept of a soul being formed is relevant only to G-d's desire for creation. The essence of the soul, by contrast, existed before that desire arose.[71]

b) **"Before you emerged from the womb, I designated you." Not only does** a Jew **have a holy soul, it has been designated** and sanctified.[72] As our Sages taught,[73] **"While [the soul] is in its mother's womb – ('before you emerged from the womb') – it is taught the entire Torah."**

**Although at the time of the child's birth, an angel "causes it to forget the entire Torah,"**[73] **that only** reflects the Torah's **revealed state.** The knowledge of the Torah **remains within** the soul's **inner dimension and endows it with the strength to study the Torah as it studied it in its mother's womb, even as** the soul **exists in this world, on this lowly plane.**[74]

**The soul protests, "I do not know how to speak for I am [but] a youth,"** i.e., although **in truth, from the standpoint of its inner dimension, it possesses the entire**

וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית און חֶלְקְךָ בָּעוֹלָם - ווַיְיל:

(א) "בְּטֶרֶם אֶצָּרְךָ בַבֶּטֶן יְדַעְתִּיךָ" - דוּ הָאסְט אַ נְשָׁמָה קְדוֹשָׁה, אַ חֵלֶק אֱלֹקַה מִמַּעַל מַמָּשׁ[נג], וואָס איר שׁוֹרֶשׁ אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם מְקוֹר הַיְרִידָה ("בְּטֶרֶם אֶצָּרְךָ[נד] גו' יְדַעְתִּיךָ"); (ב) "בְּטֶרֶם תֵּצֵא מֵרֶחֶם הִקְדַּשְׁתִּיךָ" - נִיט נָאר הָאסְטוּ אַ נְשָׁמָה קְדוֹשָׁה, נָאר "הִקְדַּשְׁתִּיךָ": מְ'גְרֵייט דִיר צוּ "בִּמְעֵי אִמּוֹ" ("בְּטֶרֶם תֵּצֵא מֵרֶחֶם"), "מְלַמְּדִין אוֹתוֹ כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ"[נה].

און הֲגַם אַז בְּשַׁעַת עֶר וֶוערְט גֶעבָּארְן קוּמְט אַ מַלְאָךְ און "מְשַׁכְּחוֹ כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ"[נה] - אִיז עֶס נָאר בְּגָלוּי, אָבֶער בִּפְנִימִיּוּת בְּלַייבְּט עֶס בַּיי אִים, און דָאס גִיט אִים כֹּחַ אַז אוֹיךְ ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ לְמַטָּה אִין עוֹלָם הַזֶּה זָאל עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה ווִי עֶר הָאט עֶס גֶעלֶערְנְט "בִּמְעֵי אִמּוֹ"[נו].

טַעֲנֶה'ט דִי נְשָׁמָה - "לֹא יָדַעְתִּי דַּבֵּר כִּי נַעַר אָנֹכִי": אֱמֶת טַאקֶע אַז בִּפְנִימִיּוּת הָאט עֶר "כָּל הַתּוֹרָה

---

**68. *Tanya,* the beginning of ch. 2.**

69. Every Jewish soul exists simultaneously on many levels in the spiritual realm. It is rooted in G-d's Essence and then passes through the Spiritual Cosmos until it descends, takes on form and, ultimately, enclothes itself in the body.

**70. See *Pesikta Rabbah, Parshas Shim'u* (*Vayimlach*), states, "Before I created the world,** you were designated to speak, [**as I implied by the phrase,] 'When I had yet to form you in the womb.' טרם, [translated as 'had yet,' implies] before the world was created."**

The souls of the Jewish people existed before the world was created and, indeed, before the desire for creation arose in G-d's will. However, the implication of "before" is not mere chronological precedence. More fundamentally, the Jews' souls are bound up with G-d's Essence, on a higher spiritual plane than even His desire for creation.

71. See the *maamar* entitled *Mayim Rabbim,* 5738 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 1, p. 246, translated in *Lessons in Sefer HaMaamarim, et al.,* which explains related concepts.

72. הקדשתיך, in the original text, can be translated in both these ways. *Rashi* interprets it as "designated," while *Radak* understands it as "sanctified."

**73. *Nidah* 30b.**

**74. *Likkutei Torah, Bamidbar*, p. 44a. See *Likkutei Sichos,* Vol. 5, p. 13ff.,** which **expands** upon the explanation of the lasting effect of the Torah studied by the baby in its mother's womb.

**Torah, however, in a revealed sense, it is "[but] a youth."** True, **when it comes to matters affecting the soul, its inner dimension, it possesses sufficient inner strengths not to be affected by** the challenges of **the world and** to persevere **in the study of the Torah** and the observance of its *mitzvos*. **However, to serve as "a prophet unto the nations," "to speak," to transform the body, the animal soul, and its portion of the world,** the soul feels inadequate and protests, **"I am [but] a youth."**

**G-d answers, "Say not, 'I am a youth,' but go wherever I send you.... Do not fear them because I am with you."** In a personal sense, this verse is telling **a Jew** that the assurance G-d grants him extends beyond **possessing** a soul that is **"an actual part of G-d from Above," and having been endowed with the power stemming from studying the entire Torah while he was in his mother's womb. Even afterwards, when the soul exists within the body** – even **in the era of exile – it is empowered from Above, "I am with you," even on this lowly,** physical **plane.**

The soul has been granted the potential **to carry out** G-d's **mission "wherever I will send you," to affect "the nations" and "the kingdoms" in both "turn[ing] away from evil"**[75] – (as the verse says, **"to uproot and to crush; to obliterate and to destroy") – and also "do[ing] good" – ("to build and to plant.")**

**Furthermore, the soul is forewarned, "Do not fear them, lest I break you before them."**[76] **One should not think that** he can retreat from his mission and **remain satisfied with having saved himself,** rationalizing that **he did not act regarding the world at large because "I am [but] a youth."** Such a person **is told: Since you exist in a body,** possess **an animal soul** and live **in this material world, the situation in the world** at large **affects you** and is important to you. **If you want to prevent**

כְּלָּהּ", אָבֶּער בְּגִילוּי - "נַעַר אָנֹכִי". אִיז בִּשְׁלָמָא בַּנוֹגֵעַ צוּ דִי עִנְיָנֵי הַנְשָׁמָה, זַיְין פְּנִימִיּוּת, הָאט עֶר גֶענוּג פְּנִימִיּוּת'דִיקֶע כֹּחוֹת נִיט צוּ נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן וֶועלְט אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה וכו': אָבֶּער בַּנוֹגֵעַ צוּ זַיְין אַ "נָבִיא לַגּוֹיִם" ("דַּבֵּר") - אִיבֶּערְמַאכְן זַיְין גוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית וְחֶלְקוֹ בָּעוֹלָם - אִיז "נַעַר אָנֹכִי"!

עֶנְטְפֶערְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער - "אַל תֹּאמַר נַעַר אָנֹכִי כִּי עַל כָּל אֲשֶׁר אֶשְׁלָחֲךָ תֵּלֵךְ גו' אַל תִּירָא מִפְּנֵיהֶם כִּי אִתְּךָ אֲנִי גו'": נִיט נָאר הָאט אַ אִיד אַ חֵלֶק אֱלֹקַהּ מִמַּעַל מַמָּשׁ, אוּן נִיט נָאר הָאט עֶר דֶעם כֹּחַ וָואס נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וָואס "בִּמְעֵי אִמּוֹ" הָאט מֶען מִיט אִים גֶעלֶערְנְט "כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ" - נָאר אוֹיךְ דֶערְנָאךְ, בְּשַׁעַת דִי נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין בְּגוּף אוּן בִּזְמַן הַגָּלוּת, גִיט מֶען אִים כֹּחוֹת מִלְמַעְלָה ("אִתְּךָ אֲנִי") וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ לְמַטָּה, עֶר זָאל קֶענֶען דוּרְכְפִירְן דִי שְׁלִיחוּת "עַל כָּל אֲשֶׁר אֶשְׁלָחֲךָ", צוּ אוֹיפְטָאן אִין דִי "גוֹיִם" אוּן "מַמְלָכוֹת"; אוּן אִין בֵּיידֶע קַוִין: סַיי אִין סוּר מֵרָע - "לִנְתוֹשׁ וְלִנְתוֹץ וּלְהַאֲבִיד וְלַהֲרוֹס", סַיי אִין וַעֲשֵׂה טוֹב - "לִבְנוֹת וְלִנְטוֹעַ".

אוּן נָאכְמֶער, מְ'וָוארְנְט אִים "אַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם פֶּן אֲחִתְּךָ לִפְנֵיהֶם"[נז]: זָאלְסְט נִיט מֵיינֶען, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען בַּאגְנוּגֶענֶען מִיט רַאטֶעוֶוען זִיךְ אַלֵיין - אֲנִי אֶת נַפְשִׁי הִצַּלְתִּי, אוּן מִיט דֶער "וֶועלְט" וֶועסְטוּ גָארְנִיט טָאן טַעֲנֶה'נְדִיק "נַעַר אָנֹכִי" - זָאגְט מֶען אִים, אַז וִויבַּאלְד דוּ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ גוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אִין עוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי, אִיז דֶער מַצָּב פוּן וֶועלְט נוֹגֵעַ דִיר. אוֹיב דוּ ווִילְסְט זִיךְ בַּאוָוארֶענֶען

75. Cf. *Tehillim* 34:15.

**76. *Yirmeyahu* 1:17.**

פוּן "אֲחַתֵּךְ לִפְנֵיהֶם", אִיז "אַל תֵּחַת" - זָאלְסְטוּ נִיט מוֹרָא הָאבְּן צוּ מַאכְן דִי וֶועלְט אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

און דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה אִין דֶעם אוֹפֶן - וֶועט מֶען גָאר אִין גִיכְן זוֹכֶה זַיְין, אַז "פִּינְחָס הוּא אֵלִיָּהוּ" וֶועט מְבַשֵּׂר זַיְין דִי בְּשׂוֹרָה פוּן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, וָואס וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בִּגְאוּלָּה הָאֲמִיתִּית וְהַשְּׁלֵימָה[נח].

(משיחת ש"פ פינחס תשכ"א)

being "[broken] before them," you must persist in your mission without fear and work to transform the world into a dwelling for G-d.

**Carrying out our Divine service in this manner will enable us to speedily become worthy** of the revelation of "**Pinchas [who] is Eliyahu.**" **He will announce the advent of the coming of Mashiach, who will liberate us, bringing about the complete and Ultimate Redemption.**[77]

---

77. The Future **Redemption will be eternal, never to be followed by exile. According to the explanations above (sec. 8), it is understood** why such a redemption **is specifically related to Eliyahu** who will herald its onset. His Divine service of refining and elevating the material plane brings about such a lasting effect. **By contrast, as explained previously, the redemption from Egypt that was led by Moshe,** whose Divine service reflected revelation from Above, was not lasting.

---

א) ראה לקו"ש חלק ט' ע' 61 ובהערות שם.

ב) טור או"ח סתכ"ח.

ב*) ירמי' בתחילתו.

ג) להעיר דלמאן־דאמר לא נתכהן פנחס עד שהרגו לזמרי (זבחים קא, ב) - בהתחלת פרשתנו מסופר איך נתכהן פנחס.

ד) פסיקתא דרב כהנא (באבער) פי"ג*. ילקוט שמעוני ירמי' רמז רנז.

* שם: "נכרי'" וראה הערות המו"ל שם.

ה) ראה גם כן ספרי סוף פרשת בלק. סנהדרין פב, ב. במדבר רבה פכ"א, ג. תנחומא ופירוש רש"י ריש פרשתנו. ועוד.

ו) א, ה ואילך.

ז) בלק כה, א ואילך.

ח) ירמי' א, ד. וראה שם, כג: "ראי דרכך בגיא", ובפירוש רש"י: מה עשית מול בית פעור ועד עתה כו'.

ט) פירוש רש"י סוף פרשת בלק. וראה פרקי דרבי אליעזר פמ"ז.

י) שלכן ההפטורה דפרשת פינחס (כשקורין אותה לפני "תלתא דפורענותא" - שאז ההפטורה היא "מענין הפרשיות") היא המשך הסיפור דאליהו בהר הכרמל (מלכים־א יח, מו ואילך) - שזהו [לא רק מפני שה"קנאות" דאליהו ("קנא קנאתי לה' גו'" - שם יט, י. שם, יד) היא על דרך הקנאות דפינחס, כי אם גם] לפי שהקנאות דאליהו גרמה לתשובת בני ישראל - "וירא כל העם גו' ויאמרו ה' הוא האלקים ה' הוא האלקים" (שם יח, לט. וראה אור התורה על הפסוק (ובארוכה - לקו"ש ח"א ע' 186) שב' פעמים "ה' הוא האלקים" הוא ענין התשובה, כפלים לתושיה). ראה פרקי דרבי אליעזר שם: חשב הקב"ה שמו של פנחס בשמו של אליהו . . שעשה שישראל יעשו תשובה כו'.

יא) ריש פרשתנו.

יב) אלשיך, אור החיים ועוד. זהר פרשתנו רלז, א.

יג) ראה מפרשים הנ"ל, דקידש שם שמים ברבים, בתוך קהל כו'.

יד) פסוק יג.

טו) בבא בתרא יד, ב.

טז) דאה זהר ריש פרשת תצוה (קעט, סע"ב): ועל דא שמהן דתרין נביאין אלין . . בגין דשמא גרים כו', עיין שם.

יז) פירוש רש"י ומצודת דוד ישעי' מט, א. ובזהר שם: ישעי' שמא גרים לפורקנא. וראה שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר שהובאה לקמן בפנים, דישעי' "ישע י"ה, שע"ה נהורין" [וברשימות הצמח־צדק לאיכה (ע' 28. אוה"ת נ"ך כרך ב' ר"ע א'נט) "ישעי' מלשון וישע ה' כו'"], ובאגרת הקדש סימן ג: ישועה הוא מלשון וישע ה'.

יח) קהלת רבה בתחילתו. ובפסיקתא דרב כהנא וילקוט שמעוני שם: שבימיו נעשה בית המקדש אירימון. ושם לפני זה: ירמי' ירם* י"ה [הובא בשיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר שם].

* בפסיקתא שם: "רם". וראה הערות המו"ל שם.

יט) מתנות כהונה לקהלת רבה שם.

כ) שיחת י"ג תמוז תש"ג (סה"ש תש"ג ר"ע 140).

כא) להעיר ממאמר רז"ל (ילקוט שמעוני ירמי' רמז רסב) "ירמי' היה מתנבא בשווקים".

כא*) מתאים לזמנה - תמיד משנכנס אב וסמוכה ליום התענית.

כב) ולהעיר דגם הענינים שבנבואת ישעי' שלכאורה אינם ישועה - הם גבורות ממותקות (קהלת יעקב ערך ישעי'. ובארוכה - ראה ריש ד"ה ציון במשפט תשל"ה (סה"מ מלוקט ח"א ע' קנא)). ועל פי זה מתורץ בפשטות הלשון "כוליה נחמתא" (אבל בחדושי אגדות בבא בתרא שם: כוליה נחמתא לאו דוקא. ועל פי זה מתורץ בפשטות הא דחזון ישעי' היא מג' דפורענותא).

כג) ראה זהר פרשתנו רכ, א.

כד) בחטא העגל - תשא לב, יא ואילך. במתאוננים - בהעלותך יא, ב. במרגלים - שלח יד, יג ואילך. וראה פירוש רש"י קורח טז, ד.

כה) תנחומא פרשתנו יא. במדבר רבה פכ"א, יד. פירוש רש"י על הפסוק (ושם: גדולתי).

כו) כז, טז ואילך.

כז) תשא לב, לב.

כח) להעיר מדרשת רז"ל (ברכות לב, א. ועוד) על הפסוק ויחל משה - אבל מובן שאין זה מסירת נפש דגוף.

כט) ראה ספרי ותנחומא סוף פרשת בלק. סנהדרין פב, ב.

ל) וגם מצד עצמם: משה תיכף כשנולד "טוב הוא" וגם "נתמלא הבית כולו אורה" (שמות ב, ב. סוטה יב, א) וראה אור התורה על הפסוק; פנחס - לא נתכהן עד שהרגו לזמרי (זבחים קא, ב).

לא) בהבא לקמן - ראה סוף ד"ה וידבר גו' פינחס תרע"ה (בהמשך תער"ב חלק ב').

לב) אבות בתחילתה.

לג) משלי ו, כג.

לד) לשון אדמו"ר הזקן - תניא פי"ב.

לה) ראה (נוסף על הנסמן בהערה לא): המשך תרס"ו ס"ע קנח ואילך. ע' תקנח. ד"ה והר סיני תש"ח. ועוד.

לו) ראה לקוטי תורה ויקרא ב, ד. ועוד.

לז) נסמן בלקו"ש ח"ד ע' 1071 הערה 8. ח"ח ע' 170 הערה 59. וראה המשך תער"ב שם.

לח) פרשתנו ריז, א.

לט) סנהדרין נב, א ושם נסמן.

מ) ראה בכל זה (נוסף להמשך תער"ב דלעיל הערה לא): אור התורה אחרי (כרך ב' ע' תקמט ואילך). ד"ה וידבר גו' פינחס דשנות תרכ"ט, תרע"ג (בהמשך תער"ב חלק א').

מא) שבת קמו, רע"א. זח"א נב, ב. זח"ב קעג, ב.

מב) זהר שם. וראה תניא ספל"ו. המשך תער"ב ח"ב ע' תתקל ואילך.

מג) לשון הרגצובי - צפנת פענח על התורה ריש פרשתנו. וראה גם צפנת פענח לסנהדרין פב, ב.

מד) ובסנהדרין שם: וראויה כפרה זו שתהא מכפרת והולכת לעולם.

ועיין תוספות ד"ה מפני סוטה יד, א (וצריך עיון קצת שלא הובא וצויין בצפנת פענח שם). אבל להעיר דשם - "קברו של משה". ולהעיר ממה שנתבאר בלקו"ש חי"ח ע' 292 שמסירת נפש דפינחס היתה בכחו של משה שאמר "קריינא דאיגרתא כו'".

מה) ראה המשך תער"ב (דלעיל הערה לא), ד"בריתי שלום" הוא ענין "ברית שלומי לא תמוט".

מו) תהלים קלט, יב. וראה ספר הערכים־חב"ד ח"ב ע' אור־ביחס לחושך (ע' חקצדז) ושם נסמן. המשך תער"ב ח"ג ע' א'שו. א'שמה.

מז) להעיר מפירוש רש"י ריש ירמי' (מפסיקתא דרב כהנא שם. ילקוט שמעוני ירמי' רמז רנו): ליתי בר קלקלתא דתקנן עובדוהי כו' ולוכח כו' דמקלקלן עובדוהי כו'.

מח) ראה הנסמן בלקו"ש ח"ט ע' 253.

מט) ועל דרך זה היחוס דפינחס - כנ"ל בתחילת השיחה.

נ) תניא פל"ז (מח, א).

נא) תנחומא פקודי ג. תקוני זהר תקון ס"ט (ק, ב). ועוד.

נב) כי באצילות "לא יגורך רע" (לקוטי תורה במדבר ג, סע"ג).

נג) תניא רפ"ב.

נד) ראה פסיקתא רבתי פי' שמעו (וימלך): עד שלא בראתי את העולם כו' בטרם אצרך בבטן ואין טרם אלא עד שלא נברא העולם.

נה) נדה ל, ב.

נו) לקוטי תורה שלח מד, א. וראה בארוכה - לקו"ש ח"ה ע' 13 ואילך.

נז) ירמי' א, יז.

נח) שתהיה גאולה נצחית שאין אחרה גלות. ועל פי מה שנתבאר לעיל (סעיף ח) מובנת השייכות לאליהו דוקא (מה שאין כן הגאולה ממצרים שעל ידי משה - כנ"ל שם).

SICHOS IN ENGLISH